# אַ נײַ יאָר

## ייִדיש-וואָכניקעס, 2004
## רפֿאל פֿינקל, רעדאַקטאָר

אין וואַלד גיי איך שפּאַצירן
גרינע סאָסנעס אין דער מיט
כאָטש דער שניי וועט זיי אָנרירן
וואַקסן שטאַרק און אָפּגעהיט.

בין איך אויך געוואָרן שטאַרקער
יעדן ווינטער עלטער גאָר
פֿאַלט דער שניי אויף בוים און קערפּער
זאָל מיר ברענגען אַ גוט יאָר

שׂכל קומט מיט עלטער ווערן
שׂימחה גיסט פֿון אַלטן ווײַן
ממשיך-ימים לאָזט זיך קלערן
נחת קוועלט אין האַרץ אַרײַן.

בין איך אויך געוואָרן שטאַרקער
יעדן ווינטער עלטער גאָר
פֿאַלט דער שניי אויף בוים און קערפּער
זאָל מיר ברענגען אַ גוט יאָר